STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06533

ZINGT A VELT

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. גאָלדאָווסקי

ז ו

י ו

נ ע

ג ל

ט ט

אַ

.

.

.

לאָס אַנגעלעס
1942

LIBRARY OF THE
UNIVERSITY OF JUDAISM

פון דעם זעלבן אויטאָר:

פּריירי־לאַנד (לידער) . . . 1927

אונדזערע טעג (לידער) . . . 1934

באמערקונג

די געזאַנגען אין דעם באַנד זיינען איבערגעזעצטע פּאָפּולערע לידער אין יעדער איינער פון די אָנגעגעבענע שפּראַכן. מיר נעמען אָן אַז דאָס רוב מעלאָדיעס זיינען באַקאַנט דעם ברייטערן אידישן עולם. צי איז איצט די צייט דערפאַר?

רופט מיך נאַר און פאַלשער זינגער!
זינגט איר אויך! זעט, עס ווערט גרינגער,
ס׳וואַקסן אויס אייך שטאַרקע פליגלען.
קענגן טויט אויף בערג און היגלען
ליד פון ליכט זאָל קלינגען!

(פון מיינס אַ ליד)

ה. ג.

העברייאיש

באַרג אַרויף און מיט געזאַנג

(פון יעקב כהן)

באַרג ארויף און מיט געזאַנג
איבער חורבות, איבער טויט
שפּאַנען מיר אין אונדזער גאַנג
סיי דורך נעכט און סיי דורך טעג.
ווייסנדיק, ניט ווייסנדיק,
גייען מיר זיך אונדזער וועג
באַרג ארויף און מיט געזאַנג.

ווילד איז שטעג ארויף צום באַרג,
בלאָנדזשען מיר דורך שטרויכלונגען.
נעפּל הילט דעם גרויען שפּיץ,
ניט צו זען אים, ניט צו זען ;
און ווען צווייפלען נעמט דאָס האַרץ —
צי דערגרייכן מיר אים וועט —
שטייגן מיר ארויפן באַרג.

אויפן באַרג, הער, אויפן באַרג
פריי איז דאָרטן אָן אַ ברעג.
ציען הערצער זיך אַהין,
טראָגט זיך בליק אהין אַוועק,
און עס רייסן זיך פון טיף
טענער, קלאַנגען אָן אן עק :
באַרג ארויף און מיט געזאַנג.

לאַך זיך
(פון ש. טשערניכאָווסקי)

לאַך זיך, לאַך פון זיסטע טרוימען,
איך דער טרוימער זאָג עס דיר.
לאַך זיך, וואָס איך גלויב אין מענטשן,
וואָס איך גלויב נאָך אויך אין דיר.

וואָס מיין האַרץ לעכצט אַלץ נאָך פרייהייט,
ניט פאַרקויפט צום קאַלב פון גאָלד,
וואָס איך גלויב נאָך אין דעם מענטשן,
אין זיין גייסט, זיין גייסט פון שטאָל.

אָט דער גייסט וועט קייטן רייסן,
געבן מענטשן הויך אַ הויב,
ווער עס ארבעט וועט ניט אויסגיין
מער אין שקלאַפעריי, אין נויט.

לאַך זיך, וואָס איך גלויב אין פריינטשאפט,
אַז כ׳וועל אָנטרעפן אַ האַרץ,
וועמעס האָפנונג איז ווי מיינע —
פילט דאָס גליק, פאַרשטייט דעם שמאַרץ.

וואָס איך גלויב נאָך אין דער צוקונפט,
און מעג זיין דער טאָג נאָך וויַיט,
וועט ער קומען; פאָלק מיט פאָלק וועט
לעבן דאַן אין פריינטלאכקייט.

אויך מיין פאָלק וועט ווידער בליען.
קומען וועט אין וועלט אַ דור,
וואָס וועט זען דאָס ליכט דאָס גרייסע
קיין צערייסן גרינג ווי האָר.

לעבן, ליבן, טאָן און אויפטאָן
וועט אַקטיווער דור אין וועלט,
ניט אין צוקונפט, אין די הימלען,
זיין נאר גייסט אים ניט געפעלט.

וועט אַ נייע ליד אַ זינגער
זינגען דאן צו פראכט און גלאַנץ.
אים פון בלומען אויף מיין קבר
זאָל מען אויספלעכטן אַ קראַנץ.

כנרת

(פון רחל)

אפשר איז עס גאָר קיינמאָל אין וועלט ניט געשען,
ווער ווייס?
אפשר האָב איך גאָר קיינמאָל געפּעדערט אין פעלד
עס באַארבעטן היים מיט מיין שוויים?

אפשר קיינמאָל אין הייסע און זוניקע טעג,
אין די גליאיקע טעג פונם שניט
אויף אַ וואָגן געלאָדן מיט גאָלדענעם זאַנג
האָט מיין קול זיך צעקלונגען אין ליד?

ניט געטובלט זיך קיינמאָל אין כוואַליעס
פון שטילקייט און בלוי
אין דיר, כנרת דו מיין, אָ, כנרת דו מיין,
איז עס נאָר אַזאַ חלום קען זיין?

קוקט נאָר און זעט נאָר

קוקט נאָר און זעט נאָר, דערשפּירט
וואָס פאַר אַ גרויסער טאָג ס'אי' היינט !
ס'ברענט אַ פייער אינם האַרץ
און דער אַקער שוין
ווידער שניידט דאָס רויע פעלד.

בראַניע, ווילע, יעטער און פּלוג
פלעכטן זיך אין שטורעמווינט.
מירן אָנצינדן
ווידער אונדזער ערד
מיטן ברען פון גרינעם פלאַם.

דאָס ליד פון עמק

(פון נ. אַלטערמאַן)

שעה פון רו איז אָנגעקומען
פאר די מידע אין דער וועלט,
שטיל האָט זיך אַ נאַכט פאַרנומען
אויפן טאָל פון יזרעאל.

טוי פון אונטן, לבנה איבעראל —
פון בית אלפא ביז נהלל

האַ? נאַכט, זאָג, וואָס פעלט?
שטיל, שאַ אין יזרעאל!
עמק, דרימל איין אין דיין פראכט,
רואיק, פון אונדז באוואכט.

רוישט דער קאָרן־ים און וויגט זיך,
קלינגט אַ פאַסטוך־ליד אין פעלד.
לאַנד מיינס אויף די פעלדער ליגט זיך
דאָ אין טאָל פון יזרעאל.

לאַנד מיינס, זיי געבענטשט פיל מאָל
פון בית אלפא ביז נהלל!

האַ? נאַכט, זאָג, וואָס פעלט?
שטיל, שאַ אין יזרעאל!
עמק, דרימל איין אין דיין פראכט,
רואיק, פון אונדז באוואכט.

צוועלף

דער עמק איז אַ טרוים

דער עמק איז אַ טרוים:
ליכטיקייט און גלאַנץ.
דורך נאַכט אין טאָג אריין
טאַנץ די האָרע, טאַנץ!

וואו רייפער ווינטרויב הענגט
אין גערטנער, נאַכט פארברענגט,
ביז אין הימלס ברעגן
טאָג אונדז שיינט אַנטקעגן.

טאַנץ־ליד

קום־זשע, ברודער, דריי זיך אום,
אָן אן אָפרו רונד ארום.
ניטאָ קיין אָנהויב, ניטאָ קיין סוף,
אַריין אין קאָן און הער ניט אויף.

טאָג איז אוים, טאָג שיינט אויף
ברודער צו אַ ברודער רופט:
סיי פון דאָרף, סיי פון שטאָט,
צי מיט פען, צי מיט דלאָט.

ברייִנג מיך אונטער דייַנע פליגל

(פון ח. נ. ביאַליק)

ברייִנג מיך אונטער דייַנע פליגל,
ווער אַ מאַמע מיר, אַ שוועסטער,
זאָל דייַן שויס מייַן קאָפּ באַשיצן,
זאָל מייַן תפלה דאָרטן נעסטן.

און פאַרנאַכט, אין שעה פון רחמים,
הער דעם סוד פון מייַנע פּייַנען:
כ'האָב געהערט — פאַראַן אַ יוגנט,
וואו איז מייַנע?

כ'וועל דיר נאָך אַ סוד פאַרטרויען:
פון מייַן פלאַם איז אַש פאַרבליבן.
כ'האָב געהערט, אַז מענטשן ליבן —
וואָס הייסט ליבן?

אָפּגענאַרט האָט מיך מייַן שטערן.
טרוים פאַרשוואונדן, האָט קיין וואר נישט.
אין דער וועלט איז מיר געבליבן
איצט מער גאָרנישט

פערצן

איר גאַנצע האַרץ אַוועקגעשענקט

(פון ז. שניאור)

צאַרטע הענט נעהאט האָט זי,
ניט געוואַגט ט׳מען טשעפּען זי,
אירע ליפּלאך שאַרלאַך־רויט,
נאָר צום קושן אָנגעגרייט.

אין די בעקלאך מאָרגן־ראָז
האָט געציטערט שטילער מיין,
האָט געפינקלט גינגאָלד־חן,
אין די בעקלאך מאָרגן־ראָז.

נאָר דער וואַלד האָט יענע נאַכט
אין זיין שאָטן זיי פאַרנאַרט.
האָט זי דאָרט אים ס׳האַרץ געשענקט,
ס׳גאַנצע האַרץ אוועקגעשענקט.

אירע טונקעלע אויגן צוויי
טאָג מיט נאַכט ט׳געקעמפּט אין זיין,
אויף איר שטערן קינדיש־רוי
האָט געציטערט אומשולד־טוי.

נאר די בלאָנדע ווענצלאך פּאר
האָבן גיך פאַרווישט דעם טוי,
אלץ גענומען גרינג אזוי
האָבן בלאָנדע ווענצלאך פּאר.

ס'האָט אַ האַנט באַרירט אַ האַנט,
נאַכט האָט אויף דער וועלט געשפּאַנט
האָט זי דאָן אים ס'האַרץ געשענקט,
ס'גאַנצע האַרץ אוועקגעשענקט.

ס'האָבן קרויזן קאַשטאַן־האָר
איר פֿאַרדעקט די אַקסלען פּאָר,
און איר מירמל ווייסע ברוסט
האָט געדופּט מיט היץ און לוסט.

אין דער קלאָרער אָוונט־לופֿט
שטום געוואַנדערט האָבן זיי
איבער וואַלד און פֿעלד די צוויי
אין דער קלאָרער אָוונט לופֿט.

יענעם אָוונט, יענע נאַכט
זיך געקושט צוויי שאָטנס צאַרט,
האָט זי אים איר האַרץ געשענקט,
ס'גאַנצע האַרץ אוועקגעשענקט.

ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט

(פאָלקס־ליד — פון ח. נ. ביאַליק)

ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט
גיי איך זיך ארויס פאַרטראַכט
ניט אין פעלד און ניט אין וואַלד
צו אַ ווערבע יאָרן־אַלט.

און די ווערבע זאגן גרייט איז
יעדנס צוקונפט, יעדנס סודות.
ווערבע, כ'בעט דיך זאָלסט באַקלערן
ווער וועט פאר מיר חתן ווערן

און זיין שטאַם, זאָג, ווערבע גוטע
צי פון פוילן, צי פון ליטע;
וועט ער קומען אין קאַרעטן,
צי מיט טאָרבע און מיט שטעקן;

און וואָס ברענגט ער מיר צופירן:
שנירלען פערל צי סאפפירן;
איז זיין אויסזען העל צי טונקל;
איז ער אַלט צי נאָך אַ אינגל?

איז ער אַלט, אָ, ווערבע זיסע,
כ'וויל ניט קענען אים, ניט וויסן.
כ'בעט מיין טאַטן סם מיר געבן,
איידער מיט אן אלטן לעבן.

אַלע הימלען וועל איך שפּאַלטן:
ניט קיין אַלטן, ניט קיין אַלטן!

צווישן פעלזן

(אַ טאַטעריש ליד — פון ש. טשערניכאָווסקי)

פאַרנאַכט־צייט, אין אָנהויב פון אָוונט,
דער ים ליגט אין נעפּל געהילט,
אַ בעזים־קוסט דרימעלט דאָ נאָענט,
אַ דרום־ווינט סודעט אים שטיל —

אין הויז מיינעם צווישן די פעלזן
צו מיר קום, אָ, בחור דו מיין!
עס שעפּטשען דאָרט סודות טשינאַרעס *),
דעם טאָל די לבנה באַשיינט.

צו מיר! ס' אי' די נאַכט אָנגעקומען,
דער נאַכטיגאַל זינגט שוין ניט מער,
קום, ס'פּאַשעט דער טאַטע די שעפּסן
אויף שפּיצן פון יאילע*)־בערג.

איך בין אין מיין זאַנפטיקן פרילינג,
ברוין־הויטיק, באַגאָסן מיט חן,
די בריסט מיינע — כוואַליעס — זיך הוידן,
ווי העלפאַנט־ביין ווייס — מיינע ציין.

עס צינדן זיך, לעשן זיך מיינע
צוויי אָפּגרונטן־אויגן אין נאַכט.
כ'בין פייער, פול גלוסטונג און תאוה.
צו מיר קום אין שטילן פאַרנאַכט!

---

*) טשינאַרעס — אזעלכע ביימער
יאילע — אַ באַרג אין קרים.

אוקראַאיניש

ווייען ווינטן, ווייען ווילדע

ווייען ווינטן, ווייען ווילדע,
ביימער אַזש זיך בויגן.
טיף אין האַרצן דריקט אַ ווייטיק,
נאָר קיין טרער אין אויגן.

וואו־זשע ביסטו מיין געטרייער?
רוף זיך אָפּ מיין ליבער!
ווי איך גיי דאָ איינעט אָן דיר
קום און צייג זיך איבער.

כ'וואָלט צו דיר געפלויגן, אָבער
פליגלען, זאָג, וואו נעמט מען?
כ'דאַר און קוואַר אַזוי דאָ אָן דיר
אין אַ לאַנד אַ פרעמדן.

אין אַ פרעמד לאַנד, אַ פאַרשקלאַפטע
נעם איך יונג פאַרוועלקן.
צי קען גליקלאַך זיין אַ בלימל
אינ'ם שטויב ביים פעלד־בערעג.

אוי, ביים פעלד אין זון, אָן טויען,
באַ דעם ראַנד פון וועגן —
שווער צו לעבן אָן געליבטן
אין אַ פרעמדער געגנט.

אָן אַ ליבן פריינט ווער קען עס
גליק און רו געניסן?
אָן דעם ליבסטן ווערט דאָס לעבן
אין דער וועלט אַ תפיסה.

צייט פאַרשווינדט אין וויסטן צער,
ס'נעמט קיין סוף צו פיינען.
עטוואָס גרינגער ווערט אין האַרצן,
ווען איך האָב אָן וויינען.

עס שטייט אַ הויכער באַרג

עס שטייט אַ הויכער באַרג. זיין קאָפּ
אַ גרינער וואַלד באַדעקט.
אַ גרינער וואַלד, אַ שיינינקער,
ווי אַ גן־עדן שמעקט.

און אונטער באַרג אַ טייכעלע,
אַ קלאָרע ווי קרישטאָל.
אין וויטן לאַנד, אין ערגעצוואו
זי ציט זיך דורך אַ טאָל.

אַדורכגיין וועט אויך זומער־לעב
ס'וועט אָנקומען די קעלט,
דאָס טייכל וועט די וואַלד־בלעטער
פאַרטראָגן ווייט אין וועלט.

טאָ, זאָרג ניט, וואוילער חברהמאַן,
דער פרילינג קומט צוריק.
נאָר ס'קומט צוריק שוין קיינמאָל ניט
די יוגנט — צייט פון גליק.

זיצט דאָס טייבל אויף אַ לינדע

זיצט דאָס טייבל אויף אַ לינדע,
דער טויב אויף אַ קאַרשע.
זאָג מיר, דושע, נאָר דעם אמת,
וואָס דו פּילסט אין האַרצן.

ווילסטו טאַקע, מיין געטרייע,
נאָר דעם אמת וויסן,
גיב־זשע מיר אַזעלכע קרייטעכץ
איך זאָל דיך פאַרגעסן.

יע, איך האָב אַזעלכע קרייטעכץ
דאָרט אַרום דער לאָזע —
ווי דו וועסט עס נעמען טרינקען,
וועסטו מיך פאַרלאָזן.

יע, איך האָב אַזעלכע קרייטעכץ
באַ דעם ברעג פון טייכל —
ווי דו וועסט זיי נאָר פאַרזוכן,
וועסטו פון מיר וויכן.

יע, כ'וועל טרינקען, יע, כ'וועל טרינקען,
שטאַרק אין האַנט זיי האַלטן.
דיך פאַרגעסן וועל איך, סיידן
ד'ערד וועט מיך באַהאַלטן.

אוי, כ'וועל גיין אין וואַלד נאָך גראָזן

אוי, כ'וועל גיין אין וואַלד נאָך גראָזן,
אָנברעכן דאָרט צווייגן.
ס'האָט מיין מזל מיך פאַרוואָרפן
אין אַ לאַנד אַ ווייטן.

אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
האָבן האָב איך קיינעם,
נאָר אין סעדל אינם גרינעם
סאָלאָווייען וויינען.

אוי, כ'רייס אָפּ פון קוסט אַ בלימל,
וועל'ס אויפ'ן וואַסער לאָזן.
שווים, אָ, שווים, פון קוסט דו בלימל,
צו די היימישע גראָזן.

שווימט אַ בלימל, שווימט אַ ראָזע
אין וואַסער אונטער'ן הימל.
גייט די מאַמע וואַסער נעמען
און דערקענט דאָס בלימל.

אוי, די ראָזעווריקע ראָזע
וויאַנעט אויפֿן וואַסער —
אין אַ פֿרעמדן לאַנד מײַן טאָכטער
ליגט צו בעט אַ בלאַסע.

ניט געקרײַנקט האָט טאָכטער דײַנע,
ניט קײן טאָג, קײן שעה ניט,
נאָר געפֿאַנגען איז דײַן טאָכטער
אין אַ לאַנד פֿון שונאים.

זעקס־און־צוואַנציק

האָט מיר שטרייַנג פאַרזאָגט די מאַמע

האָט מיר שטרייַנג פאַרזאָגט די מאַמע,
האַרב פאַרזאָגט האָט זי מיר:
מאַך קיין מאָדע ניט מיט בחורים
שטיין אין גערטלס טיר.

צו דעם ברונעם האָט די מאַמע
איינמאָל מיך געשיקט:
גיי ברייַנג וואַסער, טאָכטער מייַנע,
און קום באַלד צוריק.

לאָז איך זיך צום דערפל טויער,
האָב זיך דאָרט פאַרזאַמט,
כ'האָב דערזען אַ יונגן קאָזאַק,
האָט ער מיך צופלאַמט.

מיט'ן קאָזאַקל צערעדט זיך
אויף דער גאַנצער נאַכט —
כ'האָב צעקנייטשט מייַן נייעם פאַרטוך,
ערשט פון שטאָט געבראַכט.

ס'האָט געוואַרט אויף מיר די מאַמע,
האָט זיך ניט דערוואַרט,
און באַם טויער האָבן מיר זיך
דאָרט געלאַמטשעט צאַרט.

צי אין קיעוו, צי אין פּאָלטאַווע

צי אין קיעוו, צי אין פּאָלטאַווע,
צי'ן אַ כּרך אַן אַנדערן,
מיט זיין מאָזניצע נעמט אַ פֿויער
איבער קליטן וואַנדערן.

שטייען גרויסע מאַגאַזינען
מיט זילבער, גאָלד באַלעגן,
און דער פֿויער מיט זיין מאָזניצע
נעמט אויף דזשעגאַכץ פֿרעגן.

אַ גוט מאָרגן, גוטע מענטשן,
כ'וויל איך עפּעס פֿרעגן:
קען מען דאָ בײַ אײַך אין קליטן
אַביסל דזשעגאַכץ קריגן?

זיצן קרעמער, זיצן קרעמער,
לאַכן אין די הויפֿן —
כאַ, אין אונזערע מאַגאַזינען
טיפּשים זיך פֿאַרקויפֿן.

קיין עין־הרע סאַראַ האַנדל
איר ט'עס דאָ באַטריבן,
אַז פֿון אײַער גאַנצער סחורה
איר זייט נאָר פֿאַרבליבן.

אכט־און־צוואַנציק

העי, נו שוין, יאַטן

העי, נו שוין יאַטן, יונגען איר וואוילע,
וואָס זייט איר אומעטיק, פאַרצאָרנט ?
איז שוין אין שיינקל ניטאָ מער קיין בראָנפן,
ביר אויסגעטרונקען געוואָרן ?

גיסט־זשע די כוסות פולער אָן, ברידער,
און זאָל דער ווייַן איבערפליסן.
זאָל אונזער מזל אונדז ניט פאַרלאָזן,
זאָלן מיר פון לעבן געניסן.

טרינקט־זשע צו ליבע, טרינקט־זשע צו פרייהייט
און זאָל דער ווייַן איבערפליסן.
זאָל אונדזער מזל אונדז ניט פאַרלאָזן,
זאָלן מיר פון לעבן געניסן.

ס׳רעוועט און ס׳קרעכצט

ס׳רעוועט און ס׳קרעכצט דער דניעפּ דער ברייטער,
אַ בייזער ווינט אין וואָי פֿאַרגייט,
ביז צו דער ערד די ווערבעס נויגט ער,
די כוואַליעס הויך, ווי בערג צעשפּרייט.

און אַ דורך כמאַרעס די לבנה,
אַ בלייכע קוקט אויף ערד אַראָפּ,
פּונקט ווי אַ שיפֿל אין סכנה
אין בלויען ים, אַרויף, אַראָפּ.

קיין האָן ט׳צום דריטן מאָל געקרייעט,
קיין מענטשלאַך קול פֿון נאָענט צי ווייט,
נאָר אינם ווענדל סאָווס שרייען
און יאַסען סקריפּ פֿון צייט צו צייט.

דרייסיק

ר ו ס י ש

ווילט זיך מיר אַ שמחה

(פון סקיטאַליעץ)

ווילט זיך מיר אַ שמחה, פריילאך זינגען לידער,
ווילד, פארשייט צו הוליען, געלעכטער, שארפער וויץ,
וויל, איך האָב נאָר פיין באַגעגענט, ליבע ברידער,
וויל, דער יאָך פון זאָרג האָט ס׳פנים מיר צעקריצט.

לופט גיט מיר און זונשיין, פרישע פרילינג בלומען,
לאַנג האָב איך דורך בלאָטעס אין רעגנגוס געשפּאַנט.
ווילט זיך מיר היינט ליבע, פרייהייט, גליק באַקומען,
ווײלע לאנג געווען בין איך אין יאָך געשפּאַנט.

ווילט זיך מיר היינט שלאָגן, ווילד נקמה נעמען,
יאָרנלאַנג פון שלעכטס בין איך געווען באַדריקט,
ווילט זיך מיר היינט ליבע, הויפנס גליק צו נעמען,
כ׳האָב דאָך ניט פארזוכט קיין ליבע און קיין גליק.

חבר, ברודער

(פון ס. נאַדסאָן)

חבר, ברודער, מיין מידער און ליידענדער פריינט,
ווער דו ביסט נאָר — פאַרצווייפלט ניט ווער,
כאָטש דער שקר, דאָס שלעכטס גרויזאם הערשן נאָך היינט
אויף דער טרערן־באַגאָסענער ערד.

כאָטש צעשלאָגן, באַשפּיגן איז דער אידעאַל
און עס גיסט זיך אומשולדיקע בלוט,
גלויב, ס'וועט קומען די צייט און פאַרשווינדן וועט בעל,
ווידער קומען וועט ליבע אין גלוט.

ניט אין דערנער־קראַנץ, ניט אין קייטן פאַרשמאַכט,
ניט מיט רוקן, צעקרימט אונטער קרייץ,
זי וועט קומען אין וועלט מיט איר מאַכט און איר פּראַכט,
פול מיט גליקלאַכן, ליכטיקן רייץ.

וועט ניט זיין אויף דער וועלט מער קיין טרערן, קיין נויט,
ניט קיין קברים אָן קרייצן, קיין קנעכט,
ניט קיין פינצטערע שנאה, וואָס מאָרדעט און טוידט,
ניט קיין שאַנד־קלאָץ, קיין ברודער־געפעכט.

אָ, מיין פריינט, ניט קיין טרויס איז דער אָנקום אָט דער,
ניט קיין האָפנונג זיך גלאַט אויסגעטראַכט,
קוק זיך צו, ווי דאָס שלעכטס דריקט אלץ שווערער און שווער
ווי שטאָק־פינצטער ארום איז די נאַכט.

מיד ווערט וועלט פון איר לייד, ווערט פאַרכלינעט אין בלוט,
אויסגעמאַטערט אין קאַמף אירס — און זעט ! —
זי פארהויבט שוין צו ליבע אין הייליקן גלוט
אירע אויגן אין צער־געבעט.

פעלד דו מײנע

(פון נעקראַסאָװ)

פעלד דו מײנע, פעלד דו,
פעלד מיט גאָלד באַגאָסן,
רײפסט און װערסט דאָ צײטיק,
זאַנגען אָנגעגאָסן.

איבער דיר פון װינטן,
װי אין ימען ברײטע
כװאַליעס יאָגן, טראָגן,
װײט און ברײט זיך שפרײטן.

איבער דיר אין טרעלן
לאַרכן זיך באַװעגן,
איבער דיר מיט װאָלקנס
טראָגט זיך דורך אַ רעגן.

רײפסטו און װערסט צײטיק,
גיסט אָן פול די זאַנגען.
פרעמד דיר זײנען מענטשנס
פײנען און געדראַנגען.

טרײב-זשע, גאָט, אװעק װײט
האָגל, װאָלקן בײזן!
גאָטעניו, היט אָפ אונדז
פעלד מיט מי פאַרזײטע!

אָסיען צייט שפּעטע

(פון ניעקראַסאָוו)

אָסיען צייט שפּעטע. די גראכן — פאַרפלויגן.
וואַלד אָפּגעהוילט שוין און פעלד אויסגעליידיקט.
נאָר אויף איין לאַנד־פּאַס דער קאָרן, וואָס שטייט,
שווערע געדאנקען אין האַרץ מיר צעשפּרייט.
ס'דאכט זיך איך הער ווי עס שעפּטשען די זאַנגען:
שווער צו פאַרנעמען דעם אָסיען־ווינטס קלאַנגען,
אומעטיק איז אונדז זיך נויגן צום גרונט,
קערענער פולע אין שטויב אויסגעטונקט.
יעדע נאַכט רויבן אונדז גאַנצענע סטייעס
וואַנדערער פייגל און הונגעריקע חיות,
העזעלאך טרעטן אונדז, שטורעם אונדז שניידט —
וואו איז דער זייער? וואָס וואַרט ער? שוין צייט!

טראָגט זיי אין טרויער אַן ענטפער דער ווינט:
ס'האָט אייער זייער קיין מאַכט, קיין געזונט.

זיי געזונט

(קאָלצאָוו)

זיי געזונט, פאַרגיב,
טיף אוראַלטער וואַלד,
מיט דיין שלאַקס־געדריי,
מיט דיין שניי־זאַווי.

ס'האָט דערעסן מיר
לעבן דאָ אַליין,
אויף דיין וועג, דיין שטעג
ביזן מאָרגן גיין.

כ'הויב זיך אויף און לאָז
זיך אין כאַטע צוריק,
דאָרט פאַרפירן אַ
לייטיש לעבן באַלד.

כ'בעט אַן אָרט אין דער וועלט מיר צו ווייזן

(ניעקראַסאָוו)

כ'בעט אַן אָרט אין דער וועלט מיר צו ווייזן
אַזאַ ווינקל איז מיר ניט באַוואוסט,
וואו דער זייער פון לאַנד און דער שפּייזער,
וואו עס קרעכצט ניט דער פּויער, דער רוס.

כ'הער זיין קרעכצן פון אונטערן וואָגן,
איבער פעלדער און וועלדער צעשפּרייט;
כ'הער זיין קרעכצן דורך ווענט פון אסטראָגן,
אין די שאַכטעס אויף אייזערנער קייט.

צו דער וואָלגע אַרויס וועסטו הערן
ווער עס קרעכצט אויף דעם רוסישן טייך —
אַ געזאַנג איז דאָס — ווערט מען דערקלערן:
די בורלאַקעס מיט שטריק שפּאַנען גלייך.

וואָלגע, וואָלגע, אין פרילינג געוויסער,
צי פאַרגיסטו די פעלדער אַרום,
ווי דער צער פון פאָלק טוט פאַרגיסן
אונדזער רוסישע לאַנד אומעטום.

אָ, פאַרוואָס ביסט מיר ליב . . .

אָ, פארוואָס ביסט מיר ליב אזוי, שטילינקע נאַכט,
אזוי ליב, אַז ביז פּיין מיך באַצויבערט האָסטו ?
און פארוואָס כ'האָב דיך ליב אזוי, ליכטיקע נאַכט,
אַז פאר אַנדערע, ניט פאַר מיר, שיקסטו שטילקייט און רו.

וואָס מיר שטערן, הימל, לבנה־שיין, וואָלקן־פּוך,
אָט דאָס ליכט, וואָס סע קריכט איבער קאַלטן גראַניט,
אין בריליאַנטן פאַרוואַנדלענדיק טויען אויף בלומען
און שפּרייזט איבער ים מיט גילדערנע טריט ?

נאַכט, פאַרוואָס איז מיר ליב דיין צעזילבערטע ליכט ?
קען עס שטילן דעם צער אין מיין יונגער זעל ?
קען עס היילן דעם צווייפל אין מיין ברויזנדיק האַרץ ?
קען עס פינצטערן טראכטן באַלויכטן העל ?

כ'ווייס אליין ניט פאַרוואָס איך האָב ליב דיך, אָ נאַכט !
כ'ווייס אליין ניט פארוואָס אזוי ליב מיר ביסטו,
סיידן נאָר ווייל עס איז ווייט פארפלויגן מיין רו.

פערציק

נאַכט ליד

שטיל און רואיק אומעטום,
נאָר אַ ווינטל שלייכט זיך.
מיט די ביימער, גראָז און בלום
שמועסט ער גאנץ לייכט זיך.

איבער קוסטעס פליט ער, האָרך!
שעפּטשעט מיט אַ שטילן שאָרך:
אַ גוטע נאַכט, אייך,
אַ גוטע נאַכט זאָל זיין!

ערגעץ אין אַ קוסט — אַ קול:
סאָלאָווייען קלאַנגען.
איבער שלאָפנדיקן טאָל
טראָגן זיך געזאַנגען.

איבער דרימל-גאַסן, האָרך!
שעפּטשען זיי מיט שטילן שאָרך:
אַ גוטע נאַכט, אייך,
אַ גוטע נאַכט זאָל זיין!

„ס'איז געווען אַמאָל“

(געווידמעט שאָפּענען — פון ס. א. סאַפּאָנאָוו)

ס'איז געווען אַמאָל... איך געדענק שוין ניט ווען ס'איז געווען...
אַוועק ווי אַ זעאונג — פאַרשוואונדן שוין יאָרן אָן צאָל . . .
דאָס האַרץ מיינס דאָס מידע האָט איצט שוין דעם עבר פאַרגעסן . . .
ס'איז געווען אַמאָל . . . איך געדענק שוין ניט ווען ס'איז געווען..
אפשר גאָר קיינמאָל . . .

איך קען דיך ניט מער... נאָך דער לאַנגער און טרויעריקער שיידונג.
ווי זאָל איך געדענקען דיין אויסזען, דיין בליק און דיין קול,
דיין פינגער־באַריר, וואָס האָט מיך געצערטלט אין פריידן? —
איך קען דיך ניט מער נאָך דער לאַנגער און טרויעריקער שיידונג,
נאָך טרערן אָן צאָל.

און אַמאָל... און אַמאָל דאַכט זיך אוים מיר— איך האָב דיך באַגעגנט . .
אין שטורעם פון זינלאָזן לעבן, אין טומל פון מענטשן ביסטו,
איך רוף דיך, דערוואַרט דיך און היט דאַן דיין יעדע באַוועגונג.
און אַמאָל... און אַמאָל דאַכט זיך אויס מיר— איך האָב דיך באַגעגענט . .
כ'גיב אַ קוק — ניט דו! . . .

ס'איז געווען אַמאָל... איך געדענק שוין ניט ווען ס'איז געווען—
נאָר די שלאָפלאָזע נעכט, נאָר די אומרו... ווי שרעקלאַך ס'איז מיר,
ווי ס'בייענקט זיך נאָך גליק, ווי ליב ווערט, וואָס עס איז געווען...
ס'איז געווען אַמאָל . . . איך געדענק שוין ניט ווען ס'איז געווען—
נאָר ביסט שטענדיק מיט מיר!

פאַרגעסן זיינען צאַרטע קושן

(פון א. ס. פּושקין)

פאַרגעסן זיינען צאַרטע קושן,
פאַרשוואונדן ליבעס רייץ און גלוט.
אַ ניי־באַגעגעניש מאַכט ניט פליסן
ראַשיקער אין מיר מיין בלוט.

אין האַרצן דריקן שטומע פּיינען,
קיין אומקער שוין צו ליבע־טעג,
די טרוימען לאַנג פאַרשוואונדן זיינען;
ליבע? גלויבן? — ווייט אוועק.

אזוי רייסט אויך דער ווינט אַרומעט
ביימער־קליידער אָסיען־צייט,
און איבער גאָרטנס שטילן אומעט
צעטראָגט ער בלעטער ברייט און ווייט;

זאַווייע נעמט זיי ווייט צעשפּרייטן
אין ווילדן טאַנץ אויף פּראָסטיק ערד;
צעטיילט אויף אייביק איינס פון צווייטן,
די שפּורן מיטן שניי פאַרקערט.

אַראָפּ דער פּאָרהאַנג שוין

(פון ס. נאַדסאָן)

אַראָפּ דער פּאָרהאַנג שוין — און אויס מיט רייץ פון ליבע,
אויס סודות לאָקנדע, אויס טרוימען וועגן גליק.
דער צווייפל בלויז איז איצט אין ווירקלאַכקייט געבליבן,
און חושך האָפנונגסלאָז דאָס האַרץ דאָס מידע דריקט.

ווי ווינציק אָפּגעלעבט, דאָך וויפיל דורכגעלעבט שוין:
אי האָפנונג ליכטיקע, אי ליבע, יונגט גליק,
און איצטער אַלץ באַווײנט, פאַרלאַכט און אויסגעוועפּט שוין
און אַלץ באַגראָבן טיף און קומט שוין ניט צוריק.

אין ברודערשאַפט געגלויבט, נאָר אין דעם טאָג פון צאָרן
האָב איך שוין ניט דערקענט ווער איז מיר פריינט צי פיינט.
איך האָב געלעכצט די וועלט זאָל ווערן פריי געבאָרן,
נאָר ס'הערשן ווילדע קנעכט אין איר אַפילו היינט.

אין הייסן קאַמף מיט שלעכטס האָב איך געטרוימט זיך שטעלן
מיט אמת און מיט פלאַם פון ברענענדיקע רייד,
דאָך אויך אין הייליקטום פון וואָרט, פון אמת העלן
איך הער די אָרגיע פון קרעמערשן געשריי.

די ליבע אויף אַ ווייל', די ליבע נאָר פֿאַרווײַלונג,
די ליבע פֿלאַם אין בלוט און ניט קיין פֿלאַם אין האַרץ,
די ליבע אַ קאָשמאַר פֿאַרטשאַדעט אויף אַ ווײַלע.—
זיין, איר פֿאַרשווינדן האָט מיך גאָר שוין ניט געאַרט.

ניט וועגן איר געטרוימט האָב איך נעכט פֿון וואַך זיין,
ניט זי אַליין איז עס דערשינען דאַן פֿאַר מיר;
דאָס לעבן אין זיין רייץ אין פּוץ פֿון בלומען פּראַכטן
מיט אומשולד שמייכעלע מיין האַרץ האָבן גערירט.

אַ וויסטע אביונטע, אַ פֿאַלשע ווי אַ שקלאַפֿין,
אין טראַנטעס פֿאַרביקע קאָלירפֿול אויסגעפּוצט,
איז לעבן פֿונדערווייט אַן אויסגעצירטע גראַפֿין
און פֿונדערווייטנס נאָר דאָס לעבן מאַניעט אונדז.

נאָר קוקסטו גוט זיך צו, איז ווי עס נעמט דערשיינען
דאָס לעבן נעענטער, דערקענסטו ס'נאַרעריי,
זיין גאַנץ פֿאַרנעם איז נאָר אַ מאַסקע אַ געמיינע,
זיין שיינקייט שמינק און פֿאַרב פֿון פֿלאַכער שמירעריי.

ציגיינער ליד

אינם נעפל לייכט מיין פייער,
פונקען פליען, גייען אוים—
צו דעם בריק ביינאַכט, מיין טייערע,
זיך געזעגענען קום אַרוים.

נאָך דער נאַכט אין פריען טאָגן
מיט ציגיינערקעס אַ ריי,
ווייט אין וועג אַהינטער וואָגן
וועל איך לאָזן זיך נאָך זיי.

נעם אַ שאַל, צעמאָלט מיט בלומען,
אין אַ קנופּ בינד אוים אויף מיר;
עקן ענג צענויפגענומען,
ווי איך בין געוועזן מיט דיר.

ווער קען זיין שיקזאַל באַנעמען?
ווער וועט מאָרגן, ליבער פריינט,
פון מיין ברוסט אַרונטערנעמען
אָט־דעם קנופּ, וואָס דו מאַכסט היינט?

ווען אַן אַנדערע וועט ווידער
זיצן אויפן שויס באַ דיר
און מיט ליבשאַפט זינגען לידער,
דאַן דערמאָן זיך כאָטש אָן מיר.

LIBRARY OF THE
UNIVERSITY OF ILLINOIS

ס׳פליען טייווי דורך די טעג

ס׳פליען טייווי דורך די טעג און ס׳לויפן יאָרן,
קירצער ווערט אַיעדן טאָג דער לעבנס־וועג.
איז ניט צייט פאַר מיר זיך אָפּרוען פון צאָרן
איין מינוט, פון ליידן טיפע אָן אַ ברעג.

יעדער ברען איז שוין געווען,
איז לאַנג פאַרשוואונדן און געשען.
מיד פון קושן זיינען ליפּן,
און דאָס האַרץ איז מיד פון שפּיל.

אַלע קלאַנגען שוין פאַרגאַנגען
און פון לאַנג שוין אויסגעגאַנגען,
נאָר די איינע, מיין גיטאַרע,
קלינגסט מיט יוגנטלאַך געפיל.

האָסט דערמאָנט מיר נעכטן וועגן חלום ווייטן,
לאַנג שוין דורכגעלעבט און שוין פאַרגעסן לאַנג —
ליבסטער פריינט מיינער, דו זוכסט אומזיסט פאַרשייטן
בליק און רייד און יוגנטלאַך צעהעלטן קלאַנג.

ס׳קען זיין, אַז אָט, נו אָט, גאָר ניט לאַנג צוריק נאָר
וואָלט מיין האַרץ מיט דיר געפרייט זיך אָן אַ ברעג,
און איצטער — אָט, ניטאָ, פאַרשוואונדן איז מיין גליק גאָר,
עס ווילט זיך זאָגן דיר איין־איינציק וואָרט נאָר —
גיי אַוועק!

דו ניט ניי מיר, מאַמעלע

(פאָלקס־ליד)

דו ניט ניי מיר, מאַמעלע, קיין רויטן סאַראַפאַן,
אין הוצאה, טייערע, אומזיסט ניט גיי אַריין.

ס'איז נאָך פרי מיין יונגן צאָפּ אויף צווי פאַנאַנדערפלעכטן,
הײַס איך זאָל דעם בלאָנדן נאָך מיט אַ לענטע פלעכטן.

לאָז אַ ניט־באַדעקטע מיך מיט פאַטאָ פון זייד
זאָל מיין יונגער בליק נאָך אַלץ מיט דיר ווערן זאַט.

זיינען מיידל־יאָרן דען ווערט צו פאַרבייטן ?
איילן זיך צו הייראַטן און קלאָגן אויפן בייטן ?

פרייהייט, פרייהייט גאָלדענע, שטייגסט דאָך אַלץ אַריבער.
פון דער פרייהייט גאָלדענער גאָרנישט איז מיר ליבער.

און מיר אויף דער עלטער אויך האַלטן זיך אין פרייען,
יונגט־צייט דערמאָנען אונדז אונדזערע קינדער'ס וויען.

איך בין אויך אַ יונגינקע געווען אַזאַ אַמאָל —
האָב איך דאַן דאָס זעלבע ליד געזונגען אויף אַ קול.

דער פּאַקן־טרעגער

אוי, מיין פּאַק איז אָנגעלאָדן
פון אַ קוכן און ביז צייג.
שווער, נשמה מיינס, צו טראָגן —
לאָז מיך רוען באַ דיין זייט.

קום אַרויס אין קאָרן בויגיקן,
כ'וועל דאָרט וואַרטן ביזן נאַכט.
ווי עס ווייזט זיך די שוואַרצאויגיקע,
ווערט מיין סחורה אויסגעפּאַקט.

כ'האָב געצאָלט מקחים טייערע —
טאָ ניט דינג זיך, זיי ניט קאַרג!
גיב אַהער די ליפּלאַך, טייערע,
און דריק צו זיך היים און שטאַרק.

זיצט דער יונג און האַלט אין וואַרטן,
פאַלט אַ נעפּל־נאַכט צו שווער.
קום שוין גיכער, מיין געגאַרטע,
ס'לאָזט דער סוחר ביליקער.

טאַניע דינגט זיך שטיל און איידל,
שרעקט זיך, וויל ניט צאָלן מער.
הער! — אַ בחור קושט אַ מיידל,
בעט מקחים טייערער.

מאַכט אַ וואָרע, הויכע זאַנגען,
שטום, די שאָטנדיקער וואַלד!
טיפע נאַכט, זייער פאַרלאַנגען,
זייער סוד פון וועלט באַהאַלט!

פּופּציק

ענגליש

סיביר ליד

אויף װעגן מיט בלוטן פֿאַרגאָסן,
אין קייטן געשמידטע פֿאַרשמאַכט,
אויף שנייאיקע שטעגן פֿאַרװיסט און פֿאַרלאָזן
מיר שפּאַנען װי טאָג אַזױ נאַכט.

מיר װעלן דורך פֿינצטערע תּפֿיסות
אַדורכטראָגן אונדזער געזאַנג
און אומקערן זיך אויף סיבירישע װיספּעס
צום בונט איבער רוסישן לאַנד.

שניי־שטורעם

(סאָלדאַטן־ליד)

לענג־אויס איבער גאַס אַ שנייען־שטורעם שיט,
הינטערן שנייען־שטורעם מיין געליבטער'ס טריט.

כ אָ ר

דו האַר צו, האַר צו, מיין שיינס, אויף מיר.
אָנשפּיגלען זיך לאָז אונדז, פרייד דו מיינס אין דיר.

אין דיר און אין שיינעם פּנים דיינס,
אין דיין ליבלאַכן, דיין זוניק־העלן שיין.

מיך אַראָפּגעפירט פון זין האָט דיין געזיכט,
אויסגעטריקנט אַזאַ שטאַרקן יונג ווי מיך.

שוואַרצע אויגן צוויי

(עטי טשאָרניע גלאַזאָ)

געווען אַ האַרבסט־טאָג. עס זיינען בלעטער געל געפאַלן,
אין לעצטע אַסטערן האָט צער קרישטאָלענער געבליט.
אונדז נאָר איז דאַן קיין אומעט ניט באַפאַלן:
אין אונדזער ליבע האָט אַ פרילינג זיך צעצוויט.

עס האָבן שוואַרצע אויגן צוויי
מיין האַרץ געפאַנגען.
פאַרגעסן קען איך קיינמאָל זיי —
טיף אין מיין האַרצן איינגעקריצט.

עס האָבן שוואַרצע אויגן צוויי
מיך היים געליבט דאַן.
וואוהין פאַרשוואונדן זיינען זיי?
ווער איז זיי נאָענט איצט?

אָ, יענע שוואַרצע אויגן צוויי,
מיך ברענגען אום איצט.
פאַרגעסן קען איך קיינמאָל זיי,
טיף אין מיין האַרצן איינגעקריצט.

אָ, יענע שוואַרצע אויגן צוויי —
ווער ס'ליבט זיי איינמאָל
פאַרלירט אין שאַרפן בענקשאַפט־ווייַ
זיין האַרץ און אויך זיין רו.

געווען איז פרילינג, און אַלץ צעבליט האָט זיך אין פריידן,
געבלויט האָט בעז־קוסט און נייע האָפנונגען דערוועקט.
טרערן האָסטו פאַרגאָסן באַ דער שיידונג:
האָסט ניט געליבט מער, און פון מיר ביסטו אַוועק.

טשוביק

(פֿאָלקס־ליד)

טשוביק, טשוביק, טשוביקל געקרויזטער,
ווער האָט ניט געליבט דיך טשוביק־פֿריינט.
ס'פֿלעגן מיידלאַך טשוביקל דיך קושן,
זיי געדענקען עס אַפֿילו היינט.

כ'פֿלעג אָפּטמאָל מיר אָנטאָן אויף אַ זייט דאָס היטל
און אין וועלדל לאָזן זיך געשווינט
און מיין טשוביק כוואַליעט זיך און פֿלאַטערט,
כוואַליעט, פֿלאַטערט, ווי אַ שטורעמווינט.

ווייס איך אַליין ניט ווי עס האָט געטראָפֿן,
כ'קען אַליין גאָר ניט פֿאַרשטיין מיין גאַנג —
אין אַ בייזן כיטרן שפּאַס מיין חבר
מיט אַ מעסער האָב איך אים דערלאַנגט.

אין סיביר איצט וועט מען מיך פֿאַרשיקן.
איז סיביר דאָך אויך אַ רוסיש לאַנד.
פֿלאַטער, פֿלאַטער, טשוביקל געקרויזטער
און ביז טאָג מיר'ן טרינקען נאָכאַנאַנד.

צווייאון־פופציק

סעמועל האָל

(פאָלקס־ליד)

אָ, מען רופט מיך סעמיועל האָל,
כ'האַם אייך אַלע מיטאַמאָל,
איר כאָפּטע לצים, קליין און שמאָל —
אַ בראַנד אויף אייך!

מען באַשולדיגט מיך אין מאָרד,
כ'האָב אַ מאַן צעכמאַליעט דאָרט,
אים דערהרגעט אויפן אָרט —
אַ בראַנד אויף אים!

קומט דער שעריף אָן אין שרעק
מיט אַ כאָפּטע בלויע רעק,
אַ באַנדע לצים און אַן עק —
אַ בראַנד אויף זיי!

מ'עט אין תפיסה מיך פאַרהאַקט
און אין קייטן מיך פאַרפּאַקט
און די טיר פאַר מיר פאַרקנאַקט —
אַ בראַנד אויף זיי!

קומט אַ גלח אָן אַ נאַר,
קוקט מיך אָן מיט אַזאַ צער
און ער פּלאַפּלט עונש שכר —
אַ בראַנד אויף אים!

צווישן עולם זע איך שטייט
דאָרט מיין נעלי, קוועלט פון פרייד,
שריי איך אוים צעזעצטערהייט —
אַ בראַנד אויף דיר!

זיי געזונט דו נעלי מיין —
גייט מיר אַלע נ'דר'ערד אַריין!
זאָל די ערד דאָרט גרינג אייך זיין —
אַ בראַנד אויף אייך!

טרונק ליד

(וויליאַם מאָריס)

חברים, קומט מיט כוסות קלינגט,\
די בעכער הויך, לחיים טרינקט.\
לחיים אַלע אונדזערע פריינט\
אויף יעדן ים, אין יעדן לאַנד.

אוּן ווער זיין זופּ פון כוס פאַרפעלט\
ניט ווערט איז ער צו לעבן אויף דער וועלט.

אַזוי! . . . איצט טרינקט צום צווייטן מאָל\
צו אונדזערע חברים פיל אין צאָל,\
וואָס זיינען באַגאַבט מיט מאַרך און האַנט\
און גרייט צום קאַמף אין יעדן לאַנד.

ס'אי דאָ וויין גענוג, קומט פריילאַך זיין\
און טרינקט ס'זאָל דער שכל צו די רייכע אַריין,\
אַז ווען מיר'ן אַ טראַך טאָן אין זייער טיר\
זיי זאָלן פאַרשווינדן ניט מיר ניט דיר.

אָ סוזאַנאַ

איך קום פון אַלאַבאַמאַ
מיט אַ באַנדזשאָ אויף די קני,
איך גיי קיין לואיזיאַנאַ,
מיין סוזאַנאַ זעען דיך.

אָ סוזאַנאַ,
וויין ניט קינד נאָך מיר,
איך קום פון אַלאַבאַמאַ
מיט אַ באַנדזשאָ אויף די קני.

גערעגנט האָט ווען כ'האָב פאַרלאָזט,
כאָטש ס'וועטער געווען איז שיין.
די זון ט'געבאַקט, אין האַרץ אַ פראָסט —
סוזאַנאַ קינד ניט וויין.

איך האָב אַ חלום אין מיין שלאָף
געזען די לעצטע נאַכט:
עס שפּרינגט צו מיר פון באַרג אַראָפּ
סוזאַנאַ אין איר פּראַכט.

אַ רויטע ראָזע אין איר האַנט,
אַ טרער אין אויגן שיין.—
איך זאָג איך קום פון דיקסי־לאַנד,
סוזאַנאַ קינד ניט וויין.

זעבציק

דער אָוונט קלאַנג

דער אָוונט־קלאַנג, דער אָוונט־קלאַנג,
געדאַנקען פיל וועקט זיין געזאַנג:
פון יוגנט, היים און יענער צייט,
ווען ס'האָט באַרוט דער קלאַנגען־שטרייט.

די צייט פון פרייד אַוועק שוין לאַנג,
און הערצער — פול דאַן מיט געזאַנג —
איצט פוילן אונטער באַרג און זאַנג
און הערן ניט דעם אָוונט־קלאַנג.

אַזוי וועט זיין אויך נאָך מיין טויט:
דער אָוונט־קלאַנג ט'זיך גיסן ברייט,
אַן אַנדער דיכטער מיט געזאַנג
באַזינגען וועט דיך, אָוונט־קלאַנג.

אָ טויב

(לאַ קאָלאָמבאַ)

אָ טויב, וואָס פליט דאָרט
איבער באַרג און היגל,
דו טוסט דיין נעסט
אין פעלזן־שפּאַלטן קלייבן,
גיב מיר איין פעדער נאָר פון דיינע פליגל.
מיט איר וועל איך אַ בריוו צום ליבסטן שרייבן.

און אַז כ׳וועל ענדיקן מיין בריוו, בלי נדר,
דיר אָפּגעבן וועל איך צוריק די פעדער.
און אַז איך וועל מיין בריוו שוין אויך פאַרזיגלען,
אָ, טויב, מיט ליבעם בריוו באַציר די פליגלען.

אַכט־און־פופציק

דער אַלטער טשיזאָלם וועג

(קאַובוי ליד)

קומט, חברה, אַהער און זעצט זיך אַוועק,
הערט אויס מיינע צרות אויפן טשיזאָלם וועג.

אַרויס אויפן וועג אָקטאָבער צוואַנציק דריטן,
אַרויס נאָך דער „צוויי־יו" סטאַדע געריטן.

אויפגעכאַפּט זיך איין טאָג אויף טשיזאָלם וועג —
אַ שטריק אין האַנט, אַ קו ביים עק.

אויפשטיין דאַרף מען פרי, פאַרטאָג,
און שלאָפן — ווען ס'איז פינצטער שטאָק.

חזיר־פעטס און אייער, אַ מאכל, אָך און וויי,
כ'וואָלט בעסער געקייט די פרייערי־היי.

אין קאָלדוועל געקומען איינס, צוויי, דריי,
דאָרט אויף אַ באַרג געלאָזט די סטאַדע פריי.

איך שטיי אויף שמירה, דער פירער זיך באַפרייט,
אַ שטויס מיין פערד אין ריפ, איך האַק אים אָפּ אַ זייט.

ס'אַרט מיך ניט מ'זאָל זיך אָפּשטעלן מער,
ווי אַן אַכט־טאָגיק זייגער וועל איך רייטן אויף מיין פערד.

פּעסט אינם זאָטל, די האַנט אויפן האָרן:
כ'בין דער בעסטער קאַובוי, וואָס איז ווען געבאָרן.

צענויפגענומען ד'פּי, אין באַן פאַרפּאַקט —
אַ קלאָג צום קאַובוי לעבן מיט האַק און פּאַק.

אַוועק צום וואָגן נאָכן פּעקל געלט —
זיך אומקערן אַהיים, זאָל מיך כאַפּן דער שד!

איך קער זיך אום אין שטאָט צו קריגן געלט,
איך קער זיך אום אַהיים צו מיין ליבסטער אין דער וועלט.

אויף מיין בעסטן פערד פּלינק און פּיקס,
כ'בין דער בעסטער קאַובוי־שיסער ווען ס'קומט צו אַ ביקס.

מיט די קני אויפן זאָטל, און קאָפּ אין הימלען ווייט —
כ'וועל אַרומטרייבן בהמות, נאָך אויפהערן מיט דער צייט.

כאָר:

קום קאַיאַ איפּי איפּי איי, איפּי איי! (2)

אַהיים אויפֿן לאַנד

אָ, גיט מיר אַ היים, וואו די בופלאָקסן גייען,
וואו הירש, אַנטעלאָפּע לויפֿט אום,
וואו זעלטן עס ווערט אַ בייז וואָרט געהערט,
וואו וואָלקן פֿאַרשטעלט ניט די זון.

וואו ריין איז די לופֿט, אַ ווינטעלע דופֿט,
אַ ריח גן־עדן דאָרט שמעקט.
כ'וואָלט קיינמאָל אין וועלט מיין היים פֿאַר קיין געלט
ניט פֿאַרביטן אויף שענסטע שטעט.

ווי אָפֿט אין דער נאַכט ווען לבנה באַלייכט,
און שטערן אין פֿינקלענדן ברען.
כ'בין געשטאַנען און דאַן געקלערט, איז פֿאַראַן
נאָך אַ גרעסערן וואונדער צו זען?

אָ, היים אויפֿן לאַנד...

די לעצטע בקשה

(קאָובוי ליד)

באַהאַלט מיך ניט אין פּריירים וויסט,
וואו קאַיאָטס הייל און ווינטס וואָי פליסט,
און נאָך מיין טויט באַגראָבט מיך ניט
אונטער הימלען־בלוי אין פּריירים וויסט.

גוווען איז זיין געבעט אומזיסט;
זיין קבר ליגט אין פּריירים וויסט;
אַ פּראָסטער אָרון זעקס־ביי־דריי,
וואו קאַיאָט הײלט און ווינט שוועבט פריי.

פאַרשידענע

די לאָרעליי *)

(פון דייטש — הענריך היינע)

איך ווייס ניט וואָס מיר איז געוואָרן,
איך גיי אזוי טרויעריק אום:
אַ מעשה פון אוראַלטע יאָרן
פאַרפאָלגט מיך אומעטום.

די לופט איז קיל; ס'ווערט טונקל;
און הערלאך פליסט דער ריין;
דער שפּיץ פון באַרג דאָרט פינקלט
אין לעצטן זונענשיין.

און וואונדערלאך־שיין ביז פאַרפירונג
אַ מיידל געשטאַלט דאָרט פלאַמט,
עס בלישטשעט איר גאָלדענע צירונג,
איר גאָלדענע האָר זי קאַמט.

זי קאַמט עס מיט גאָלדענע קאַמען
און זינגט דערביי אַ ליד,
אין טענער געשלאָסן צוזאַמען
דער הערלאכער ניגון זיך ציט.

דעם שיפער אין קליינעם שיפל
כאַפּט אָן אַ בענקשאפט באַלד,
ער זעט ניט די פעלזן־ריפן,
ער קוקט נאָר ארויף צום געשטאַלט.

דעם שיפער און שיפל פאַרשלינגען
די שטאַרקע כוואַליעס, מיר דאכט,
און דאָס האָט אזוי מיט איר זינגען
די לארעליי געמאַכט.

*) די לארעליי — רוסאלקע, וואסער נימף.

פון מיינע גרויסע שמאַרצן

(פון דייטש — הענריך היינע)

פון מיינע גרויסע שמארצן
שאַף איך די קליינע לידער.
זיי פליען אוועק מיט אַ ציטער
און קלינגען באַ ליבסטער אין האַרצן.

זיי קומען פון דאָרטן אַריבער
אויף וועגן געהיימע און קלאָגן,
און קלאָגן, און ווילן ניט זאָגן
די סודות אין האַרצן פון ליבער.

אַ סערביש פאָלקס־ליד

הינטער אונדזער כאַטקע'ס פענצטער שפּרייט אַ פראָסט זיך אויס,
און אין טייכעלע אין אונדזערס פרירט דאָס וואַסער אויס.
כ'נעם מיין פעליץ אַראָפּ פון פלעקל
און צום טייכל מיט מיין העקל,
האַק אַ פּעלינקע דאָרט אויס, ווערט דאָס וואַסער לויז.

הינטער אונדזער כאַטקע'ס פענצטער וואַקסט אַ רויטע קוויט.
ליבסטע, ס'ליגט אויף דיר דער טרויער, אַ מין די וועלט פאַרגייט.
ניין, ס'איז ניט די וועלט די אַלטע,
ניין, ס'איז ניט די וועלט די קאַלטע,
נאָר דער טיפער ווי אין האַרצן אין געוויין צעגייט.

הינטער אונדזער כאַטקע'ס פענצטער וויים די לילי בליט.
ליבסטע, כ'זע ווי צו דיין טיר דאָ פירן פרעמדע טריט.
קיינער קומט ניט צו אַהערצו,
קיינער קומט ניט צו אַהערצו,
אַלע וויסן — איך בין אָרעם — כ'האָב קיין נדן ניט.

איין־און־זיבעציק

אינהאַלט

באַמערקונג

העברעאיש

באַרג אַרויף און מיט געזאַנג (יעקב כהן)...7
לאָך זיך (ש. טשערניכאָווסקי)...8
כנרת (רחל)...10
קוקט נאָר און זעט נאָר...11
דאָס ליד פון עמק (נ. אַלטערמאַן)...12
דער עמק איז אַ טרוים...13
ברענג מיך אונטער דיינע פליגל (ח. נ. ביאַליק)...14
איר גאַנצע האַרץ אַוועקגעשענקט (ז. שניאור)...15
ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט (ח. נ. ביאַליק)...17
צווישן פעלזן (ש. טשערניכאָווסקי) 18

אוקראַאיניש

ווייען ווינטן...12
עס שטייט אַ הויכער באַרג...22
זיצט דאָס טייבל אויף אַ לינדע...24
אוי, כ׳וועל גיין אין וואַלד נאָך גראָזן 25
האָט מיר שטרענג פאַרזאָגט די מאַמע...27
צי אין קיעוו, צי אין פּאָלטאָווע...28
העי, נו שוין, יאַטן...29
ס׳רעוועט און ס׳קרעכצט...30

רוסיש

ווילט זיך מיר אַ שמחה (סקיטאַליעץ)...33
חבר ברודער (ס. נאַדסאָן)...35
פעלד דו מיינע (ניעקראַסאָוו)...36
אָסיען צייט שפּעטע (ניעקראַסאָוו)...37
זיי געזונט (קאָלצאָוו)...38
כ׳בעט אַן אָרט אין דער וועלט מיר צו ווייזן (ניעקראַסאָוו)...39
אַ פּאַרוואָס ביסטו מיר ליב...40
נאַכט־ליד...41
ס׳איז געווען אַמאָל (ס. א. סאָפּאָנאָוו) 42
פאַרגעסן זיינען צאַרטע קושן (א. ס. פּושקין)...43
אַראָפּ דער פאַרהאַנג שוין (ס. נאַדסאָן)...44
ציגיינער ליד...46
ס׳פליען סייווי דורך די טעג...47
דו ניט ניי מיר מאַמעלע...48
דער פּאַקן־טרעגער...49
שוואַרצע אויגן צוויי...51
טשוביק...52
סיביר ליד...53
שניי־שטורעם...54

ענגליש

דער אָוונט קלאַנג...57
אַ, טויב...58
טרונק־ליד (וויליאַם מאָריס)...59
אַ סוזאַנאַ...60
סעמועל האָל...61
דער אַלטער טשיזאָלם וועג...63
אַ היים אויפ׳ן לאַנד...65
די לעצטע בקשה...66

פאַרשיידענע

די לאַרעליי (הענריך היינע)...69
פון מיינע גרויסע שמאַרצן (הענריך היינע)...70
אַ סערביש פאָלקס ליד...71
אינהאַלט...72